**:HOMEPAGE**

דיין לעבן. דיין דרך. דיין החלטה.
פוטסטעפּס איז די איינציגסטע ארגאניזאציע אין צפון אמעריקע וואס שטעלט צו א פולע ריי סערוויסעס און פּראגראמען פאר די וואס פארלאזן זייער חרד׳ישן לעבן און זוכן זיך צו בויען א לעבן אויפ׳ן אייגענעם שטייגער. פון איר הויפטקווארטיר אין ניו יארק שטעלט פוטסטעפּס צו פארשידענע ערליי סערוויסעס, אריינגערעכנט סאציעלע און גייסטישע שטיצע, עדיוקעישען און קאריערע הדרכה, ווארקשאָפּס און סאציעלע אקטיוויטעטן.

עקספּלארירט אייערע אפּציעס
זיך מחליט זיין צו פארלאזן דעם געוועזענעם לעבנסשטייגער איז נישט גרינג. עס זענען פאראן פארשידענע אופנים זיך אנצושליסן מיט פוטסטעפּס.

רעסאָרסן
מיר שטעלן צו א ברייטע ריי פראגראמען פאר יעדן שטאפל פון דער טראנזיציע פונעם חרד׳ישן לעבנסשטייגער.

שטיצט אונזערע ארבעט
נדבנים און פרייוויליגע צוהעלפער שליסן אן שטארקע פארבינדונגען מיט פוטסטעפּס מיטגלידער און האבן א באדייטנדע השפעה אויף זייערע לעבנס.

וואס מיר שטעלן צו
עס איז נישט דא בלויז איין מהלך זיך אנצושליסן מיט פוטסטעפּס. פוטסטעפּס מיטגלידער ניצן אונזערע פּראגראמען אויף פארשידענע ערליי אופנים. עס זענען פאראן אזעלכע וואס ניצן פינאנציעלע רעסאָרסן, ווי צ.ב.ש. עדיוקעישען סקאָלערשיפּס און מייקראָ-גרענטס, און ווידער אנדערע שליסן זיך אן פאר סאציעלע און קולטורעלע צוזאמקונפטן. ביי פוטסטעפּס מאכט יעדער מיטגליד זייערע אייגענע החלטות

פראגראמען און רעסאָרסן
פוטסטעפּס שטעלט צו א ברייטע ריי פּראגראמען אנגעפירט דורך שטאב מיטגלידער און אנדערע פוטסטעפּס אנטיילנעמער פאר יעדן שטאפל פון דער טראנזיציע פונעם חרד׳ישן לעבנסשטייגער.

זייט משפיע אויף עמיצנ׳ס לעבן דורך אן עדיוקעישען סקאָלערשיפּ. שטיצט א טאטע אדער מאמע אין א קינדער-רעכט (׳קאָסטאָדי׳) געראנגעל. בויט געמיינשאפט פאר די וואס שפּירן זיך איינזאם און איזאלירט. העלפט א מיטגליד געפונען קאריערע רעסאָרסן בשעת זיי זוכן זיך צו בויען א נייעם צוקונפט.

[צו ליינען אפט געפרעגטע פראגעס אין אידיש דרוקט דא]